בעזרת השם יתברך

ספר

# דִי הֵייליִגֶע טֶעג

ראֹש הַשָּׁנָה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

בעזרת השם יתברך

ספר

# די הייליגע טעג

בריוו און שיעורים פול מיט התחזקות, עצות און הדרכה,
ווי אזוי יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין אויסצונוצן ריכטיג די
הייליגע טעג, ארויסצוגיין זכאי בדין
און זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה.
געבויט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ז,

אדונינו מורנו ורבינו **רבי נחמן מברסלב** זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד

מורנו הגאון הקדוש **רבי נתן מברסלב** זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זייער תלמיד
וואס האט אריינגעברענגט זייערע הייליגע לימודים
אין די גאנצע וועלט

כבוד קדושת מרן **מוהרא"ש** זכותו יגן עלינו
געפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים וכתובים,
און מאמרים פון די הייליגע חז"ל, פון די גמרא,
מדרשים און זוהר הקדוש.

ארויסגעגעבן דורך
חסידי ברסלב, עיר הקודש ירושלים תובב"א

# אינהאלט

## אִישׁ אֱמוּנוֹת


קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פַּארְרֶעכְטְן...... ז

מִיר פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּנְז מְתַקֵן צוּ זַיין, כָאטְשׁ סְ'אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה...... ח

מֶען זִיצְט בַּיים צִיוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן...... ט

לָאז וִויסְן פַּאר דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אַז דוּ פָּארְסְט קַיין אוּמַאן...... יא

צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ...... יב

אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶם בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן...... יג

טַעֲנָה'עֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער...... יד

מֶען מֶעג דַאוֶוענֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען...... יט

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרַיוַואטֶע פְּלַאץ...... כא

אויסצוגן פון פריערדיגע בריוון...... כג


## דֶעם רֶבִּינְ'ס קִבּוּץ אִין אוּמַאן


אַז מֶען הָאט אַ צָרָה פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...... כג

דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר צוּרִיק גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע קָאסְטְן פוּן דִי נְסִיעָה...... כד

אַ פְּרוֹי וָואס הֶעלְפְּט אִיר מַאן פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי וִוי זִי אִיז בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה...... כו

זִי וֶועט דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן...... כו

הַנְהָגוֹת פַאר דִי וָועג............ כז
אִיבֶּערָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן............ כח
דֶער רֶבִּי אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵן............ כט
נֶעם זִיךְ פַאר לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה וְהַדְפָּסָה............ כט
בֶּעט פַאר מִיר בַּיים רֶבִּינ'ס צִיוּן............ ל
אַ רֵיינֶע פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער............ לא

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דִי הַכְתָּרָה אִיז אִין אוּמַאן............ לב
תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ............ לב
זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט............ לג
אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן............ לד
שׁוֹפָר בְּלָאזְן וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ............ לד
נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת............ לה

## דְרָשׁוֹת

צֶעמִישְׁן דֶעם שָׂטָן............ לו
זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת............ לו
אַוֶועק וַוארְפְן דִי שִׂנְאָה............ לז
יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה קוּמְט אָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן............ לח
דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ דָא מִיט אוּנְז............ לח
דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאר............ לח

# הקדמה

ברוב שבח והודאה שטעלן מיר פאר פאר די חשוב'ע ליינער א הערליכן קונטרס מעט הכמות ורב האיכות, וועלכע ענטהאלט בריוון און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א בעניני ראש השנה און די קיבוץ ביים היילינן רבינ'ס ציון בעיר הקדוש אומאן.

די קונטרס ענטהאלט דאס פאלגנדע:

- **נייע בריוון פון די לעצטע פאר טעג, בעניינא דיומא, וואס איז נישט אריין אין די קונטרס עצתו אמונה**
- **איסצוגן פון בריוון פון לעצטנס, און פריערדיגע יארן, בעניינא דיומא**
- **א תקיעת שופר דרשה געזאגט געווארן ראש השנה אין קרית ברסלב ליבערטי, בשנת תשפ"א**

קראו - ותחי נפשכם!

בברכת כתיבה וחתימה טובה, שנת גאולה וישועה

**מכון עצתו אמונה**

מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן טוען מיר מעלדן די פרייליכע בשורה אז דער ספר הקדוש "עצתו אמונה חלק ו'" קומט שוין ארויס די טעג פון דרוק, און וועט בעז"ה ווארשיינליך זיין צו באקומען אין אומאן, ביים בנין היכל הקודש.

אין די זעלבע צייט טוען מיר מעלדן אז מיר נעמען שוין אן נדבות פאר "עצתו אמונה חלק ז'", דורכ'ן זיך ווענדן צו מוה"ר ישעי' איידליס הי"ו אויף 1-347-831-1391, אדער קען מען שיקן אן אימיעל צו maebreslev@gmail.com;

חכם לב יקח מצוות, בפרט לקראת די ימי הרחמים והרצון.

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פַּארְרֶעכְטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָּאר אוֹיף אוּמַאן; וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע? דוּ אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְסְט וִוי דֶער רֶבִּי טוֹישְׁט דַיין לֶעבְּן; דַיין שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ - אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טוֹיש צוּם גוּטְ׳ן פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וָואס דוּ קֶענְסְט מְתַקֵן זַיין, דִי חֵלֶק פוּן דִי חִלּוּל הַשֵּׁם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט מְתַקֵן זַיין וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נַשְׁגַ״ז רַחֲמָנָא לִצְלָן; קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְתַקֵן זַיין. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: ״וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית״.

קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר פַּארְרֶעכְטְן; בִּפְרַט אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תִּיקּוּן! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): ״שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל

לַעֲשׂוֹת״, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מִיר פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּנְז מְתַקֵּן צוּ זַיין, כָאטְשׁ סְ׳אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אַ סַכָּנָה צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן. יֶעדֶע יָאר קוּמְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מִיט אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה; פַארְיָאר הָאט עֶר יֶעדְן דֶערְשְׁרָאקְן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נֶעמֶען דִי וַואקְסִין וֶועט מֶען שְׁטַארְבְּן אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין קִינְדֶער, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר פוּן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַלֶע הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע לֶעבְּן; דִי יָאר קוּמְט עֶר מִיט אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, אַז עֶס אִיז אַ סַכָּנָה וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, עֶס אִיז נָאר צוּ אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

טַעֲנָה׳עֶט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דֶעם, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַ גֶעפִיל צוּם צַדִּיק. דִי יָאר הָאבְּן דִי מִתְנַגְדִים נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אַלֶע יָארְן שְׁפֶּעט מֶען פוּן בְּרֶסְלֶבִ׳עֶר חֲסִידִים, מֶען זָאגְט: ״מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען וִויל אוּן מֶען פָארְט זִיךְ אוֹיף אוּמַאן״; דִי יָאר זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ פָאלְגְן אַ צַדִּיק, דִי יָאר אִיז דִי נְסִיעָה אַ שְׁוֶוערֶע, מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן גְלַייךְ קַיין אוּקְרֵיינָא, מֶען דַארְף

זיךְ שְׁלֶעפְּן מִיט אַ בַּאן אָדֶער קַאר פוּן אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, דָאךְ פָּארְן מִיר צוּם רֶבִּי"ן דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

אִיךְ רָאט אַייךְ אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מֶען זִיצְט בַּיים צִיּוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ און מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וְויל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען, דוּ זָאלְסְט הַיינְט אַרַיינְרוּפְן אִין אָפִּיס פְּרֶעגְן וְויפִיל דַיין בַּאלַאנְס אִיז; אִיךְ גֵיי נִישְׁט וַוייטֶער בִּיז וְוי לַאנְג אַלֶע צָאלְן אוֹיס זֵייעֶר שְׂכַר לִימוּד פוּן אַלֶע יָארְן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט וָואס מֶען טוּט מִיט מִיר; בְּרֶענְג מִיר נָאךְ אַ מוֹסָד וָואס בֶּעט אַזוֹי וֵויינִיג שְׂכַר לִימוּד, און דִי בִּיסְל שְׂכַר לִימוּד מַאכְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג; פַּארְוָואס?!

שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין מִילְּתָא דִבְדִיחוּתָא, שְׂכַר לִימוּד אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע! דִי מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס זָאלְן וֶוערְן בַּאצָאלְט אִין צַייט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אָן קַיין לַחַץ.

דִי גֶעלְט וָואס מֶען צָאלְט פַּאר שְׂכַר לִימוּד - קוּמְט צוּרִיק בְּדֶרֶךְ נֵס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וִויפִיל גֶעלְט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט פַארְדִינֶען דֶעם יָאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת, וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה", חוּץ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן פַּאר שַׁבָּת און יוֹם טוֹב, און פַאר שְׂכַר לִימוּד, "שֶׁאִם פּוֹחֵת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אוֹיבּ צָאלְט מֶען נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד, בַּאקוּמְט מֶען וֵוייניגֶער גֶעלְט, און אוֹיבּ צָאלְט מֶען שְׂכַר לִימוּד, בַּאקוּמְט מֶען בְּדֶרֶךְ נֵס נָאךְ גֶעלְט.

אוֹיף דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז דָא אֵיין עֵצָה, גֵיי שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵיי זִיבֶּעצִיג קוֹלוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו): "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר

דֶער יֵצֶר הָרָע, אִיךְ וֶועֶר פַארְבְּרֶענְט אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, אִיךְ וֶועֶר פַארְבְּרֶענְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן זִיבֶּעצִיג מָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אֵיינְמָאל מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי פְּלָאנְטֶער – אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מִיר פָארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים. בִּיז דֶערְוַוייל הֶערְט מֶען גְרוּסְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָארְט אִין אוּמַאן, זֵיי זָאגְן וֶועגְן דִי מִלְחָמָה, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ; אוֹיבּ מֶען הֶערְט נֵייעֶס – אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען וַוארְפְט זִיךְ פַאר שְׁרֶעק, אוּן אוֹיבּ מֶען קוּקְט נֵייעֶס – קֶען מֶען זֶען אִין אוּמַאן ווִי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט זֶען אִין גַאס, מֶען קֶען עֶס זֶען אִינֶעם קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶס אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס – זֶעט מֶען נִישְׁט קַיין מִלְחָמָה, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה; מֶען זִיצְט בַּיים צִיוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ וַוייסֶע קִיטְל אָדֶער אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיר פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע.

פַּאק אַיין דַיין שְׁטְרַיימְל, גֵיי נִישְׁט אִין קַיין קַטְנוּת הַדַּעַת; רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע אוּן יוֹם טוֹב'דִיגֶע קְלֵיידֶער.

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אָדֶער גֶעבּ אִיר גֶעלְט; אִיךְ גֶעבּ גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַז דִי וַוייבּ לָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן – אִיז מֶען גְלִיקְלִיךְ. מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט מִיר אַלְץ זָאגְן: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְלִיקְלִיךְ דוּ בִּיסְט אַז דַיין וַוייבּ קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, דוּ וֵוייסְט ווִי גְלִיקְלִיךְ

דוּ בִּיסְט אַז זֵי לָאזְט דִיר פָארְן"; מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר; מִי יִתֵּן אַז דוּ קֶענְסְט מִיט הַאלְטְן יֶעדֶע וָואךְ דִי שִׁיעוּר, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת אֵיינְס אַזֵייגֶער אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**לָאז וִויסְן פַאר דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? אוּן פוּן וֶועם אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן?! אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר פָארְן קַיין אוּמַאן - בִּיסְטוּ אַ גֶעווִינֶער, אַלֶעס אוֹיסֶער דֶעם אִיז שׁוֹין אַ בָּאנוּס, אַז דַיין וַוייבּ שִׁיקְט דִיר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ?

טוּ וָואס דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר. מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט מִיר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ גֶעבֶּעטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר אוּן דִי צְוֵוייטֶע יָאר - אִיךְ זָאל מֶעלְדְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ פָאר, זֵי זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין שְׁוֶוער אִיז אַ אִיד אַ צַדִיק {מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים}, עֶר הָאט זִיךְ שֵׁיין גֶעזֶעגְנְט אוּן מַיין וַוייבּ אִיז דָארְט אֵיינְגֶעשְׁטַאנֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז שׁוֹין גֶעווֹאוּג גְרוֹיס אַז מִיר נֶעמֶען שׁוֹין אַרַיין אַנְדֶערֶע גֶעסְט.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, דוּ זָאלְסְט מֶעלְדְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן אוּן דַאנְק זֵיי פַארְ'ן אַרַיינְנֶעמֶען דַיין וַוייבּ. דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן. אוּן אַז דַיין שְׁוֶוער אוּן

שְׁוויגֶער נֶעמֶען זִיךְ אוֹיף דַיינֶע בֵּיינֶער, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן זִידְלֶען דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן; בְּלַייבּ שְׁטִיל, הֶער אוֹיס אוּן זַיי מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דוּ וֵוייסְט וִויפִיל אִינְגֶעלַייט וֶוערְן קְרַאנְק יֶעדֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זֵיי ווִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דִי וַוייבּ זָאגְט זֵיי ׳אוֹיבּ אוּמַאן - קוּמְט אַ גֶט׳, זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק; זֵיי ווִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ תִּיקוּן, זֵיי ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אוּן דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס - דָאס גֵייט אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן שְׁוַואכֶע פְּרוֹיעֶן, וְהַהָיָה מַה דַּהֲוָה. דֶערִיבֶּער אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן - מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן גֶעבְּן צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ.

מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב אוּן מִיר בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטִיצֶע אִיז פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוּן צוּ דִי מוֹסְדוֹת.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אַגַב, דַיין שִׁידוּךְ אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן פַארְיָאר בַּיים רֶבִּי׳ן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶם בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט, מֶען פָארְט שׁוֹין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פֶּעקְל צָרוֹת; יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז זַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע, אָבֶּער דִי וֶועלְט זָאגְט: ״וֶוען מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי אוֹיסְוַואל אַרָאפְּצוּלֵייגְן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוּן נֶעמֶען אַ צְוֵייטְנְ׳ס - וָואלְט מֶען צוּרִיק גֶענוּמֶען דִי אֵייגֶענֶע פֶּעקְל צָרוֹת״; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט: ״וֶוען מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן דִי אוֹיסְוַואל אַרָאפְּצוּלֵייגְן מַיין פֶּעקְל אוּן נֶעמֶען אַ צְוֵייטְנְ׳ס, וָואלְט אִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט מַיין פֶּעקְל אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט אָן נֶעמֶען יֶענֶעמְ׳ס, אוּן אָן צוּרִיק נֶעמֶען דִי אֵייגֶענֶע״; אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״דָאס אִיז אוּמַאן; מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אַרָאפְּצוּלֵייגְן דִי פֶּעקְל צָרוֹת בַּיים צַדִּיק אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶם בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן״.

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, מִיר דַארְפְן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען: ״בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה!״ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן פָּארֶעט זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע תִּיקוּנִים; מִיר וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ קֶענֶען מְתַקֵּן זַיין אַ טֵייל פוּן וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין, מִיר וָואלְטְן גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, אוּן גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס אִיז עוֹסֵק אִין אוּנְזֶער תִּיקוּן.

זָארְג פַאר דַיין וַוייבּ, לָאז אִיר נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר; זָארְג זִי זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב. אוֹיבּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אִיר אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב שִׁינְדְן דִי הוֹיט - זָאלְסְטוּ זָארְגְן פַאר אִיר אַ צְוֵייטֶע פְּלַאץ; זֶע זִי זָאל זַיין גוּט בַּאקְוֶועם.

טוּ אַ טוֹבָה פַאר דַיין נְשָׁמָה, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין עָתִיד, לֵייג דִיר אַוֶועק עֶפֶּעס פַאר דִיר; נֶעם אַ בְּלַאט גְמָרָא, לֶערְן אַבִּיסְל גְמָרָא, זָאג אַבִּיסְל גְמָרָא - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן; נָאר דָאס.

עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט אַלֶעס פוּן אוּנְז אַוֶועק נֶעמֶען, מֶען וֶועט בְּלַייבְּן אֵיין גְרוֹיסֶער חוֹזֶק. מֶען וֶועט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אָן קְלֵיידֶער,

מען װעט אונז צודעקן מיט א לײלעך, און נאר די בלעטער גמרא, פרקים משניות, בלעטער תיקונים - דאס װעט בלײבן מיט אונז.

װאו גײסטו? װאו לױפסטו? גײ אין שול דאװענען א תפלה, לערן א פרק משניות, א דף גמרא.

הײנט װעט זײן די װעכנטליכע שיעור, עס לױנט זיך צו קומען צו די שיעורים. מען קען מיטהאלטן די װעכנטליכע ליל שישי שיעור אין מאנרא, מאנסי, ליבערטי, לעיקװאוד; בינד זיך צו מיט א שטארקע קניפ צום רבי'ן.

נעכטן בין איך געזיצן מיט די חברי הנהלה בײ מיר אין שטוב פאר כמעט צען שעה אין אײן צי, פון פיר נאכמיטאג ביז נאך חצות הלילה. מיר האבן אסאך שײנע זאכן װאס מיר רוקן זיך פארױס מיט די קהילה, מיט די מוסדות. מיר װאלטן װען געקענט נוצן נאך הילף, מען מאכט שײנע פארשריט אין די קהילה.

איך דארף מקצר זײן; איך װעל דיר נאך שרײבן, איך דארף ארײנגײן צו די בחורים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

### טענה'ן צום אײבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ' אלול, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד מײנע טײערע חברים, אנשי שלומינו, תלמידי היכל הקודש ארץ ישראל, ה' עליהם יחיו**

מיר גײען שױן זאגן סליחות, מיר פירן זיך צו זאגן סליחות מוצאי שבת בײ חצות, אזױ װי מען זאגט אינעם פיוט: "במוצאי מנוחה קדמנוך תחלה". גיס זיך אויס דײן הארץ צום אײבערשטן, בעט פאר אידישע קינדער, טענה

פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מֶען דַארְף מְלִיצֵי יוֹשֶׁר זָאלְן רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִין דִי גְמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:): "אַשְׁכְּחֵיהּ רַבָּה בַּר שִׁילָא לְאֵלִיָּהוּ", רַבָּה הָאט בַּאגֶעגְנְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, "אָמַר לֵיהּ", עֶר פְרֶעגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מַאי קָא עָבֵיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "קָאָמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמַיְהוּ דְכוּלְּהוּ רַבָּנָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט נָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, "וּמִפּוּמֵיהּ דְּרַבִּי מֵאִיר לֹא קָאָמַר", אוֹיסֶער פוּן רֶבִּי מֵאִיר, פְרֶעגְט אִים רַבָּה: "אַמַּאי", פַארְוָואס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט נָאךְ פוּן רֶבִּי מֵאִיר? זָאגְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מִשּׁוּם דְּקָא גְמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמֵיהּ דְאַחֵר", וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי אַן אַפִּיקוֹרֶס, פְרֶעגְט רַבָּה: "אַמַּאי, רֶבִּי מֵאִיר רִמּוֹן מָצָא, תּוֹכוֹ אָכַל קְלִפָּתוֹ זָרַק", וָואס אִיז רֶבִּי מֵאִיר שְׁלֶעכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן זַיין רֶבִּי דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט גֶענוּמֶען נָאר דָאס גוּטְס; אַזוֹי וִוי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ מִילְגְרוֹים, עֶר עֶסְט אוֹיף דִי זַאפְטִיגֶע קֶערְלֶעךְ אוּן דִי שָׁאלַאכְטְס וַוארְפְט עֶר אַוֶועק, אַזוֹי הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעטוּן! זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פַאר רַבָּה: "הַשְׁתָּא קָאָמַר", אִיךְ הֶער יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי מֵאִיר.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט, אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן "תּוֹכוֹ אָכַל, קְלִפָּתוֹ זָרַק"? מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבְן אִין הִימְל אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט נָאר גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן זַיין רֶבִּי? וָואס הָאט דָא רַבָּה מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אַז פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט?!

נָאר וָואס דֶען, דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טַעְנָה'עֶן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי וִוי רַבָּה טַעֲנָה'עט פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַז רֶבִּי מֵאִיר אִיז גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס - הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט.

דָאס דַארְפְן מִיר טוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן בִּפְרַט אִין דִי טֶעג וָואס מֶען מִשְׁפָּט דִי וֶועלְט, מִיר דַארְפְן טַעְנָה'עֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס פַּאסִירְט אִין הִימְל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווּאוֹיל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַ הֵיילִיג פָּאלְק; הָאבּ

רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז״; מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען בְּרֶענגְט רַחֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זַייעֶר נָאךְ עֶנְק; אִיךְ וַוארְט שׁוֹין עֶנְק צוּ זֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. אִיךְ וִויל עֶנְק זַייעֶר בֶּעטְן, מִיר קוּמֶען קַיין אוּמַאן, זָאלְסְט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט טַעֲנָה׳ן, בִּפְרַט מִיט דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים אוּן זֵיי זוּכְן צוּ מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת, מַחֲלֹקֶת וְכוּ׳; טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דִי עַזּוּת פְּנִימְ׳עֶר וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת, שְׁפֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא״ש, שְׁפֶּעטְן פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז שְׁוַוייגְן, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז תַּכְלִית. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען זַיין אַ גוֹסֵס, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען זִיךְ מוּזְן שֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט; דֶעמָאלְט וֶועט אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנד): ״עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם״, אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, ״עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים״, אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, ״וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי״, אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָּאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; ״כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז״, וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט

אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט׳, אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

לְאמִיר חַזֶר׳ן אַ שְׁטִיקְל צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, (צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת טו) : ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ צוּ גְלֵייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) אַז וֶוען מֶען הָאט ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ דַאן וֵוייסְט מֶען וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵּים זַיין אִין פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט. דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ״ג).

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״, אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אוּן רֶבִּי׳ן אוּן פָּאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָּב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע. סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ וִוי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בּוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ מִיט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אוּנְז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער

װײסט נישט דעם אמת, דאס איז א סימן אז מען איז בײ א פאלשן מנהיג און מען דארף אנטלױפן פון דארט. פון אן אמת׳ן צדיק באקומט מען שפלות.

נאך א סימן איז דא אז אן אמת׳ער צדיק איז מעורר זײנע מענטשן צו לערנען די הײליגע תורה, און א פאלשער מנהיג װעט רעדן פון אלעס אױסער פון תורה. דעריבער װען איר גײט צו א מענטש און איר זעט אז דורך יענעם באקומט איר א חשק צו לערנען פלײסיג די הײליגע תורה, איז א סימן אז איר זענט בײ אן אמת׳ן צדיק.

אינעם הײנטיגן דור איז דער רבי אלײן דער אמת׳ער צדיק. ער װעט ענדיגן אלע תיקונים און פארעכטן די װעלט, און דעריבער זאלט איר זיך האלטן בײם רבי׳ן, איר זאלט פארן יעדעס יאר ראש השנה קײן אומאן און זיך האלטן אינאײנעם מיט אנשי שלומינו. איר זאלט זען צו אנטלױפן פון מחלוקת, און זיך נישט אדײנמישן אין קײן שום פאליטיק. דער רבי איז דער ארון װאס דארט ליגט די לוחות, און בײ די ארון האט דער ארון אלײן געטראגן די מענטשן װעלכע האבן איר געטראגן, קײנער דארף נישט העלפן דעם רבי׳ן, דער רבי טוט אלעס אלײן.

דעריבער זאלט איר גײן צום רבי׳נס ציון ראש השנה צו מקײם זײן װאס דער רבי האט געהײסן אז מען זאל קומען צו אים, אבער איר זאלט נישט פרובירן צו זײן דארט א פירער, איר זאלט זיך נישט מישן אין קײן שום פארטײען, אין קײן שום גרופעס, נאר איר זאלט זיך האלטן מיטן רבי׳נס ספרים, אזױ װי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן קצ״ב) אז די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק ליגט אין זײנע הײליגע ספרים, ממילא װען מען װיל זײן אמת׳דיג מקורב צום רבי׳ן איז דאס נאר װען מען לערנט זײנע ספרים, און דאן װעט איר זײער שטארק מצליח זײן״.

איך האף אײך אלע צו זען אין אומאן.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

## מֶען מֶעג דַאוֶוענֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גוּטֶע וָואךְ.

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין צוּ סְלִיחוֹת; מִיר אַשְׁכְּנַז׳יִשֶׁע אִידְן הוֹיבְּן אָן זָאגְן סְלִיחוֹת זוּנְטָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן זָאגְן שׁוֹין סְלִיחוֹת פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה, מֶען קוּמְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת.

בִּשְׁעַת׳ן זָאגְן סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ אַרַיינְפְלֶעכְטְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת אוּן אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת, מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען. דִי וָואס פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אוֹיבּ דָאס אִיז אַ הֶפְסֵק – דַארְפְן פְרֶעגְן דִי פְרַאגֶע אַנְדֶערְשׁ, פְרֶעג אוֹיבּ מֶען מֶעג דַאוֶוענֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען; אַוַדַאי מֶעג מֶען דַאוֶוענֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן קיט, סְעִיף א).

בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ. גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר. בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טַעֲנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס – וָוארְט עֶר אַז מִיר זָאלְן בֶּעטְן אוּן מִיר זָאלְן טַעֲנָה׳ן מִיט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:): ״אַשְׁכְּחֵיהּ רַבָּה בַּר שִׁילָא לְאֵלִיָּהוּ״, רַבָּה הָאט בַּאגֶעגְנְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, ״אָמַר לֵיהּ״, עֶר פְרֶעגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: ״מַאי קָא עָבִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: ״קָאָמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמַייהוּ דְּכוּלְּהוּ רַבָּנָן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט נָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, ״״וּמִפּוּמֵיהּ דְּרַבִּי מֵאִיר לֹא קָאָמַר״, אוֹיסֶער פוּן רֶבִּי מֵאִיר, פְרֶעגְט אִים רַבָּה: ״אַמַּאי״, פַארְוָואס

זאגט דער אײבערשטער נישט נאך פון רבי מאיר? זאגט אים אליהו הנביא: "משום דקא גמר שמעתא מפומיה דאחר", ווייל ער האט געלערנט תורה ביי אן אפיקורס, פרעגט רבה: "אמאי, רבי מאיר רמון מצא, תוכו אכל קלפתו זרק", וואס איז רבי מאיר שלעכט, ער האט נישט גענומען פון זיין רבי די שלעכטס, ער האט גענומען נאר דאס גוטס, אזוי ווי איינער טרעפט א מילגרוים, ער עסט אויף די זאפטיגע קערלעך, און די שאלאכטס ווארפט ער אוועק, אזוי האט רבי מאיר געטון! זאגט אליהו הנביא פאר רבה: "השתא קאמר", איך הער יעצט דעם אײבערשטן נאכזאגן פון רבי מאיר.

האבן מיר גערעדט ביים שיעור דעם פארגאנגענעם ליל ששי, וואס האט דא פאסירט; אויבן אין הימל ווייסט מען נישט די זאך פון: "תוכו אכל, קלפתו זרק", מען ווייסט נישט אויבן אין הימל אז רבי מאיר האט נאר גענומען דאס גוטס פון זיין רבי, וואס האט דא רבה מחדש געווען אז פלוצלונג האט זיך אלעס געטוישט?! נאר וואס דען, דא זעט מען דאס גרויסקייט פון טענה'ען פאר א צווייטע איד, אזוי ווי רבה טענה'ט פאר אליהו הנביא: "רבי מאיר איז גוט, ער האט נישט געטון קיין שום שלעכטס"; האט זיך שוין אלעס געט וישט.

איך וויל דיר בעטן זאלסט גיין נאך געלט ביי הייזער און ביי שול'ן און מיר דאס ברענגען אין אומאן; איך וויל זאלסט מיר ברענגען הונדערט דאלער, אבער אויסדריקליך נאר געלט וואס דו האסט צאמגענומען. איך וועל דאס צאמנעמען אין אומאן ביים אנקומען; עס איז דא נאך אפאר טעג, קענסט דאס באווייזן; די צדקה איז גאר א וויכטיגע צדקה.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

## דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ; דָאס אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר דִי וָואס מִיר הָאבְּן זֵיי פַארְדִינְגֶען אַ בֶּעט. ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט גֶעבְּן דַיין קַארְטְל פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען חֲבֵרִים; אַז דוּ דִינְגְסְט אַ בֶּעט אוּן דוּ בַּאקוּמְסְט אַ קַארְטְל – אִיז דָאס פְּרִיוַואט פַאר דִיר.

צוּ דִי תְּפִילוֹת עֶפְנְט מֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בִּנְיָן וַוייטֶער פְּרִיוַואט, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין בַּי דִי צִימֶערְן. אוּן בַּיי דִי אַנְדֶערֶע צַייטְן, פַאר סְעוּדוֹת, אָדֶער סְתַּם זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ – אִיז דֶער בִּנְיָן אַ פְּרִיוַואטֶע בִּנְיָן.

פַאר דִי דִי אַלֶע וָואס פְרֶעגְן מִיךְ אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען, אוּן פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אוּן נָאר יֶענֶעם, בֶּעט אִיךְ זֵיי, בִּיטֶע טוּ מִיר אַ טוֹבָה אוּן מַאךְ מִיךְ נִישְׁט פַאר קַיין שְׁלֶעכְטֶער, בֶּעט מִיךְ נִישְׁט דִי זַאךְ; אַז דוּ ווִילְסְט טַאקֶע אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן מַמָּשׁ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי דוּ גֵייסְט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אָן זַיין מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ – קֶענְסְטוּ יֶעצְט דִינְגֶען אַ בֶּעט פַאר קוּמֶענְדִיגְן יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

עֶס וֶועט זַיין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס שְׁלָאפְן אִינֶעם בִּנְיָן, דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן גֵיין צוּם צִיּוּן מִיט דִי קִינְדֶער. דִי מְלַמְּדִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת, זֵיי גְרֵייטְן אָן אַ פְּרָאגְרַאם פַאר דִי קִינְדֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן זַיין אִין שׁוּל, דִי קִינְדֶער

זָאלְן וֶועלְן זִיצְן נֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִילָה. זֵיי שְׁלֶעפְּן מִיט גַאנְצֶע בַּאקְסֶעס מִיט פְּרָסִים פַּאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט וַואלְגֶערְן אוֹיף הֶפְקֵר.

עֶס אִיז כְּדַאי שׁוֹין אָנְצוּהוֹיבְּן דִי פַּרְשָׁה אוּן דָאס עֶנְדִיגְן נָאךְ אֵיידֶער מֶען פָּארְט אַרוֹיס, אַזוֹי וֶועט מֶען עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה; לָאז נִישְׁט אִיבֶּער אוֹיף סוֹף וָואךְ וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ וַואלְגֶערְן אוֹיף דִי נְסִיעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אוֹיסְצוּגְן פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוְון

# דֶעם רֶבִּינְ'ס קִבּוּץ אִין אוּמַאן

**אַז מֶען הָאט אַ צָרָה פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה בַּיי רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ עֶנְגֶע מַצָּב, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין בְּרוֹיט וְכוּ', הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט פַּארְן קַיין אָדֶעסָא וואוּ עֶס וואוֹינְט זַיין פֶּעטֶער אַן עוֹשֶׁר אוּן דֶער פֶּעטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אָדֶעסָא, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּפוּס, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ דִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן. עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אָדֶעסָא, עֶר קְלַאפְּט אַרַיין צוּ זַיין רַייכְן פֶּעטֶער, קוּמְט אֵיינֶער צוּם טִיר אוּן פְרֶעגְט: "וֶוער אִיז דָארְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין!" עֶר קוּמְט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַרַיין צוּ זַיין פֶּעטֶער וָואס גֶעבְּט אִים אַ קַאלְטֶע שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן זָאגְט אִים: "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן יֶעצְט", אוּן עֶר מַאכְט צוּ דִי טִיר.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, 'עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן כָאטְשׁ אַ גְלֶעזְל וַואסֶער? אִיךְ שְׁלֶעפּ מִיךְ שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר טֶעג, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט וְכוּ' וְכוּ' אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר נִיטְאַמָאל עֶפֶּעס אִין מוֹיל צוּ נֶעמֶען...' עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים.

אוֹיפְ'ן וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ שׁוּל דַאוֶונֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף מַיין רַייכֶע פֶּעטֶער פוּן אָדֶעסָא אוּן נִישְׁט אוֹיף דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער,

העלף מיר אז איך זאל אייביג געדענקען אז נאר דו קענסט מיר העלפן, און איך זאל זיך נישט פארלאזן אויף קיינעם"; דער גבאי האט באמערקט ווי א איד וויינט האט ער געטראכט צו זיך 'דאס מוז זיכער זיין א באהאלטענער צדיק', האט ער אים צאמגעשטעלט געלט און אים דאס איבערגעגעבן.

אויפ'ן וועג אהיים איז רבי נחמן אריינגעגאנגען צו זיין רבי - רבי נתן, און ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט אים, זאגט אים רבי נתן: "אז מען האט א צרה פארט מען קיין אדעסא?! אז מען האט א צרה פארט מען קיין אומאן צום הייליגן רבי'נס ציון און מען וויינט זיך אויס צום אייבערשטן".

## דער רבי וועט דיר צוריק געבן די גאנצע קאסטן פון די נסיעה

דאס וואס דו זאגסט אז עס איז דיר שווער וועגן געלט, מוז איך דיר זאגן אז איך פארשטיי דיר בכלל נישט; לאמיר דיך פרעגן, אויב עסווארט דיר חס ושלום א שווערע משפט, און דו דארפסט זוכן א גרויסער לויער (עורך דין) זאל דיר ראטעווען פון דעם גרויסן משפט, וואלסטו געקוקט אויף געלט?! אוודאי נישט! א מענטש וואלט אוועק געגעבן אלעס אויף דער וועלט אבי ער זאל לעבן, אזוי ווי עס שטייט (איוב ב, ד): "עור בעד עור, וכל אשר לאיש, יתן בעד נפשו", זאגט רש"י: "כן דרך בני אדם; כשרואה החרב באה על ראשו, מגין בזרועו לפניו, וכל שכן כל אשר לאיש בממון - יתן", ווען א מענטש זעט אז מען וויל אים חס ושלום שטעכן אין קאפ, לייגט מען די האנט - מען זאל ענדערש צעשטעכן די האנט ווי איידער דעם קאפ וכו', און זיכער אז מען וועט זיך ראטעווען מיט געלט ווי איידער מען זאל חס ושלום געשעדיגט ווערן.

פרעג איך דיר, אז דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הראש השנה שלי הוא חדוש גדול, והשם יתברך יודע שאין הדבר הזה בירשה מאבותי, רק השם יתברך נתן לי זאת במתנה - שאני יודע מהו ראש השנה. לא מבעיא אתם כלכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כלו תלוי בראש השנה שלי", די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען

אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַּאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר – מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווְאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אַז דָאס יָאר קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען וַוייל עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּנֶעם יָאר, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן – כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה"; נָאכְמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסו), אַז וֶוען דֶער חַזָּן זָאגְט "מִי, וּמִי, וּמִי" דָארְט אִיז מְרוּמָז אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיוּט פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף. פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען

צו אים, דארף מען מער פון דעם? א מענטש וואס האט שכל קוקט נישט אויף קיינעם, נאר ער פארט צום רבי'ן אויף ראש השנה.

וויסן זאלסטו אז די אלע טויזנטער אידן וואס קומען צום רבי'ן - קיינער קומט נישט גרינגערהייט, יעדער איינער קומט מיט מסירות נפש; נאר וואס דען? אז דער רבי האט געהייסן קומען, קומט מען אן קיין קשיות. און דער רבי וועט דיר צוריק געבן די גאנצע קאסטן פון די נסיעה.

### א פרוי וואס העלפט איר מאן פארן צום רבי'ן איז אזוי ווי זי איז ביים רבי'ן אויף ראש השנה

מיר שטייען שוין פאר ראש השנה און מיר גרייטן זיך שוין פארן גרויסן יום הדין ווען מען גייט משפט'ן יעדן איינציגסטן מענטש; זיין געזונט, זיין פרנסה, זיינע קינדער און זיין לעבן, מיר אלע פאלגן דעם רבי'ן און מיר פארן קיין אומאן אויף 'ראש השנה', און איך האף אז איר לאזט אייער מאן פארן צום רבי'ן.

וויסן זאלט איר, א פרוי וואס העלפט איר מאן ער זאל פארן צום רבי'ן איז אזוי ווי זי איז ביים רבי'ן אויף 'ראש השנה', און זי וועט האבן א הערליכע יאר.

א קלוגע פרוי קוקט נישט אויף קיינעם, נישט אויף משפחה נישט אויף שכנים און נישט אויף חברט'עס, נאר זי קוקט אויף זיך. זי מאכט זיך א פשוט'ע חשבון 'עס קומט א לאנגע יאר, ווער גייט זיך זארגן פאר מיר און פאר אלע מיינע פראבלעמען? קיינער! נו פארוואס זאל איך זוכן צו געפעלן פאר מענטשן וואס קענען מיר נישט העלפן און וועלן מיר נישט העלפן, איך וועל געפעלן נאר פארן אייבערשטן און פאר מיין מאן'.

### זי וועט דיר נישט מעכב זיין פון פארן קיין אומאן

די וועלט זאגט: "פארוואס בלאזט דער שופר אזוי גוט ראש השנה? ווייל עס ליגט א גאנץ יאר אין ארון הקודש", דאס זעלבע - זאגט מוהרא"ש:

"אַז מֶען ווִיל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן".

## הַנְהָגוֹת פַאר דִי וֶועג

נֶעם דִיר מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל מִיט אַ תְּהִלִּים'ל אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וָואס צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דִי אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶבִּי שְׁמוּאֵל טְשֶׁעטְשִׁיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיים אַהֵיימְפָארְן פוּן אוּמַאן וואוּ מֶען הָאט גֶעזָאגְט דִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', נָאכְן זַיין אִין קִיעֶוו אִין עֶירְפָּארְט - דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיקְפָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֶירְפָּארְט וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן"; בִּפְרַט אִין קִיעֶוו, וָואס דִי אוּקְרֵיינִישֶׁע גוֹיִם זֶענֶען דִי נִידְרִיגְסְטֶע וָואס אִיז פַארְהַאן.

אַנְשְׁטָאט קוּקְן גוֹי'אִישֶׁע מָאוִויס, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה; מָאוִויס אִיז אַ שֶׁקֶר אוּן אַ דִמְיוֹן, עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְט אוֹיס דִי מֹחַ, דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גַאנְצֶע טַעַם אִין דַאוֶוענֶען. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט מָאוִויס פוּן גוֹיִם - דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז אִים אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ; מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט לוֹיפְן אַרוֹיס בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶסְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

קוֹדֶם קוּקְט מֶען סְתָּם זַאכְן, בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין רַחֲמָנָא לִצְּלָן אִין גֶעמֵיינֶע גַארְבִּידְזְשׁ, וָואס דָארְט אַז מֶען פַאלְט אַרַיין - אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער; עֶס בְּרֶענְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען וֶוערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ

און מען האט מער נישט קיין געפיל צו די אייגענע ווייב און קינדער, מען פארלירט די געפיל צו דאווענען און צו לערנען, מען ווערט אויס...

איך בעט דיר! איך וויין צו דיר! ווארף אוועק דיין שמוץ פאון אדער לכל הפחות לייג ארויף א פילטער; צייל אפ וויפיל מאל מוהר"א"ש שרייבט אז מען זאל נישט האבן קיין שמוץ פאון... איך קען דיר אזויפיל זאגן: "ווער עס פאלגט וואס מען רעדט דא אין ישיבה האט א ליכטיגע לעבן".

### איבעראל קען מען רעדן צום אייבערשטן

ווען מיר זענען געפארן צוזאמען מיט מוהר"א"ש די לעצטע צוויי יאר פון מוהרא"ש'ס לעבן קיין אומאן, זאגט מיר מוהר"א"ש אין עירפארט: "יואל, וואס דארפסטו - א וואלד? שטעל דיך פאר אז דא, די עירפארט - איז א וואלד, דארפסט חיות? דא האסטו חיות", און מוהר"א"ש ווייזט מיר אויף אלע גוים און גוי'טעס; "פארוואס דארף מעןווארטן אויף ליל שישי צו פארן מיט א טענדער אין פעלד, דער אייבערשטער איז דאך איבעראל", און איך זע ווי מוהר"א"ש זכרונו לברכה זעצט זיך אוועק און פארמאכט די אויגן, און די מויל הויבט זיך אן שאקלען און ער איז שוין ביים אייבערשטן.

איינער זאגט מיר: "דו מאכסט צו פשוט דעם רבי'נס זאך", זאג איך אים: "עס איז נאך אסאך מער פשוט'ער ווי דו מיינסט"; מענטשן מיינען אז צו זיין אן ערליכער איד דארף מען טון ווילדע זאכן, זיצן אין וואלד מיט טלית ותפילין א גאנצן טאג, אדער מען דארף פאסטן, און דערפאר טראכטן מענטשן 'איך קען דאך נישט נאכטון די זאכן - טו איך גארנישט'. קומט דער רבי און לערנט אונז אויס נישט צו טון קיין ווילדע עבודות, דארפסט נישט אוועקגיין פון שטוב צו זיין אן ערליכער איד, פארקערט, אז דו וועסט זיין אין שטוב מיט דיין ווייב דעמאלט קענסטו זיין אן ערליכער איד.

## דֶער רֶבִּי אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן

מִיר פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוער אִיךְ מֶער פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָּארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאל דָאס זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ קוּמְט עֶר צוּם צִיוּן - הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אִים אַ נַייעֶ גֶעשִׁיכְטֶע; דֶער רֶבִּי פָּארֶעט זִיךְ מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אִים מְתַקֵּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע, אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען - אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "מֹשֶׁה וֶועלְוְול דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?!" אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אָבֶּער גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים: "וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים 'וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא?' עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן".

שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיינְמָאל בַּיי דֶעם אִיד מֹשֶׁה וֶועלְוְול אִינְמִיטְן ווינְטֶער, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר דַאוֶוענְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ מִנְחָה מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת; הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

## נֶעם זִיךְ פַאר לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה וְהַדְפָּסָה

מֶען פָּארְט שׁוֹין הַיינְט קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט קַיין אוּמַאן אוֹיף 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה", מִמֵּילָא דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער דָאס פָארְן, פַארְוֶועם

איז דאס נישט שווער? פאר יעדן איז שווער, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען, פאלגן מיר דעם רבי'ן אן קיין חכמות.

איך וויל דיר בעטן לכבוד דעם נייעם יאר זאלסטו זיך פארנעמען צו האבן א חלק אין 'הפצה' אדער אין 'הדפסה', און ווען דו קומסט צום רבי'ן זאלסטו זאגן פאר'ן רבי'ן אלעס וואס דו טוסט פאר אים, און אלעס וואס דו העלפסט די מוסדות. איך בעט יעדן טאג פאר אלע מיינע תלמידים בכלליות און עקסטער בעט איך פאר די וואס העלפן מיר בויען מוסדות אויפ'ן רבינ'ס נאמען, וואו מיר לערנען מיט די קינדער פון קליינערהייט אז וואס זיי דארפן זאלן זיי נאר בעטן דעם אייבערשטן.

הפצה וועט ברענגען משיח, אז מען געבט פאר א אינגערמאן א ספר, אדער א סידי צו הערן - האסטו אים מחי' מתים געווען. א אינגערמאן דערציילט מיר אז ער האט שוין געהאט אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, פשוטו כמשמעו; ער האט געטראכט 'דאס איז עס', ביז איינער האט אים געגעבן צו הערן א שיעור, און בשעת ער האט עס געהערט האט זיך אים געטרייסלט אלע זיינע ביינער, ער האט געפילט ווי איינער 'שאקט' אים, און זייט דעמאלט הערט ער די שיעורים און זיין לעבן איז א לעבן, ער זאגט מיר אז איך האב אים מחי' מתים געווען. דאס איז איין מעשה פון טויזנטער מעשיות וואס געשעט יעדן טאג דורך מפיצים, דערפאר זאלסטו דאס יאר האבן א שייכות מיט 'הפצה' אדער 'הדפסה'; ווי מער מען קען העלפן מענטשן אז זיי זאלן האבן שלום בית און זיין פרייליך.

### בעט פאר מיר ביים רבינ'ס ציון

איך בעט דיר זאלסט מתפלל זיין פאר מיר ביים הייליגן רבינ'ס ציון אז איך זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די ישיבה, תלמוד תורה, בית פיגא און הדפסה וכו'.

מען זעט ביי די מעשה פון דעם "בן מלך ובן השפחה וואס האבן זיך פארטוישט" (ספורי מעשיות, מעשה יא), ווען דער אמת'ער בן מלך האט געהאט די כלי וואס האט געהאט די כח אז אויף ווען מען לייגט עס ארויף הויבט עס

אָן צוּ זִינְגְען, אֲפִילוּ מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיף אַ חַיָ' אָדֶער אוֹיף אַ בְּהֵמָה, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוער עֶס הוֹיבְּט עֶס אָן צוּ לֶערְנֶען - הוֹיבְּט אָן זִינְגְען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אַז עֶר זָאל זַיין אַ "מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר", הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן ר' ... נֵרוֹ יָאִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט; לִכְאוֹרָה, וָואס קֶען זַיין גְרֶעסֶער פוּן דֶעם כֵּלִי וָואס וואוּ מֶען לֵייגְט עֶס אַרוֹיף הוֹיבְּט עֶס אָן זִינְגְען (אַזוֹי וִוי דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַנְדֶערְן: "וָואס קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן פַאר אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶע כֵּלִי?") **נָאר דֶער** פְּשַׁט אִיז, אַז מֶען דַארְף זַיין אַ "מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר" צוּ גֶעדֶענְקֶען: 'וֶוער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם כֵּלִי? וֶוער מַאכְט מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער דֶערְמַאנְט מִיר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער אִיז מִיר מְחַזֵק אוֹיף דֶעם?'

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת, וִוי נִישְׁט וִוי הָאסְטוּ גֶעהַאט פוּן מִיר אַ טוֹבַת הַנָּאָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער קֶענֶען מְחַזֵק זַיין צוּזַאמֶען, אוּן צוּזַאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

## אַ רֵיינֶע פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, וָואס פֶעלְט מִיר עֶס אוֹיס?! אִיךְ אַלֵיין פְרֶעג מִיךְ דִי קַשְׁיָא, וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ חוֹבוֹת? אִיךְ בִּין קוֹים אַרוֹיס פוּן דִי חוֹבוֹת פוּן דִי יְשִׁיבָה, אוּן שׁוֹין דַארְף מֶען מַאכְן נָאךְ חוֹבוֹת?! נָאר אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ פִּנַּת יִקְרַת וואוּ אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע פְּלַאץ וְכוּ'. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס זֵיי הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אָן קַיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְגֵיין, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן.

# ראֹשׁ הַשָּׁנָה

## די הַכְּתָרָה אִיז אִין אוּמַאן

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁרֵייט ראֹשׁ הַשָּׁנָה 'הַמֶּלֶךְ' אָבֶּער דִי הַכְּתָרָה אִיז אִין אוּמַאן", אוּן דֶערְפַאר פִירְן מִיר זִיךְ צוּ קְלַאטְשְׁן בַּיי "הַמֶּלֶךְ"; וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר פוּן אִים בֶּעטְן, אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ - אַז פוּן קִינְדְוַוייז אָן זָאלְן זֵיי וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַ מַרְאֶה נוֹרָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט מוֹהֲרָא"ש צֶען יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ו - וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין עֶרְשְׁטֶע ראֹשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן קַיין תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש, דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר הָאט מוֹהֲרָא"ש נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין דְרָשָׁה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזְן, חוּץ צְוֵויי מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט פַאר בְּלוֹיז צְוֵויי מִינוּט, אָבֶּער מִיט אַזַא גֶעוֵויין... וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאר פוּן דֶעם וֵויין אִיךְ; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ רֶעדְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, וֶוער עֶס הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בֶּעט אִיךְ אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ" - מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן - "אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע ד' אַמּוֹת אָן קַיין מַחֲלוֹקֶת, אָן קַיין שִׂנְאָה אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן", יֶעדֶער וָואס הָאט זִיךְ

גֶעפוּנֶען אִין שׁוּל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש וִויל בֶּאֱמֶת, וִוי עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן הִסְתַּלְקוּת, פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: "אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט". דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אִיךְ וִויל וַוייזְן פַאר מוֹהֲרָא"ש: "רְאֵה בָּנֵי שֶׁגִּדַּלְתִּי", קוּק וִוי מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע ד' אַמּוֹת, מִיר קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, מֶען זוּכְט נָאר דָאס גוּטְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

...

### זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין דִיר דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשׁוֹת פוּן בֵּיידֶע טֶעג; דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דַיין הַארְץ אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁנַת מְחִילָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד.

ראֹש הַשָּׁנָה בַּיי דִי שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אוּן בַּייסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, נָאר זִיךְ פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ מוּז טוּן וָואס יֶענֶער טוּט, אִיךְ מוּז טְרַאכְטְן וִוי יֶענֶעם אוּן אִיךְ מוּז לֶעבְּן מִיט יֶענֶעם, נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם -

אַז מֶען טוט וָואס יֶענֶער טוט, שָׁלוֹם מֵיינְט אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, נָאר יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן וְוי אַזוֹי עֶר וְויל אוּן נָאכְדֶעם קוּמֶען מִיר אַלֶע צוּם רֶבִּי'ן.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זֹהַר חָדָשׁ נֹחַ, דַף כג) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת אֵיין שׁוּל וואו מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם.

...

## אַ פְּלַאץ וואו צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צו) אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט וְוי עֶר זוּכְט אַ פְּלַאץ וואו צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטוּב וָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעהֶערְט פוּן דָארְט טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן פַּאטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', "עָנִיתִי וְאָמַרְתִּי, הֲלֹא לְכַאן בְּוַדַּאי טוֹב לִכָּנֵס לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דָא אִיז גוּט אַרַיין צוּ גֵיין הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן"; הָאבְּן מִיר אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן זַיין בְּשִׂמְחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

## שׁוֹפָר בְּלָאזְן וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שׁוֹפָ"ר; לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר, מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ', עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

אַז דו וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר אִין דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

## נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ עֶסְן ראֹשׁ הַשָּׁנָה אוּן שַׁבַּת תְּשׁוּבָה ׳רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת׳; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר טַעַם, אַז מֶען וִויל וַוייזְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵייִ אוּן דֶער יָאר אִיז אַרִיבֶּער. וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ פְּרִישֶׁע קַבָּלוֹת אוֹיפְ׳ן נֵייעֶם יָאר, אָבֶּער נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים הוֹיבְּט עֶר גְלַייךְ אָן צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וְכַדוֹמֶה׳, נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים הָאט עֶר אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס נָאכְנִישְׁט אָנְצוּהוֹיבְּן, אוּן אַזוֹי דְרֵיידְט זִיךְ דוּרְךְ דָאס יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר בִּיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַרִיבֶּער נַאקֶעט, פּוּסְט אוּן וִויסְט; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זֶען אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵייִ אוּן דִי גַאנְצֶע יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הֶער שׁוֹין מוֹצָאֵי ראֹשׁ הַשָּׁנָה וִוי דֶער שַׁמָּשׁ גֵייט אַרוּם אוֹיפְוֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת״.

# דְרָשׁוֹת

**דְרָשַׁת הִתְעוֹרְרוּת, פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מוֹרַי וְרַבּוֹתַי! מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ 'תְּקִיעַת שׁוֹפָר'.**

### צֶעמִישְׁן דֶעם שָׂטָן

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק: לָמָּה תּוֹקְעִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", רֶבִּי יִצְחָק פְרֶעגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?" - פְרֶעגְט דִי גְמָרָא צוּרִיק: "לָמָּה תּוֹקְעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ!" וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא לָמָּה מְרִיעִין", זַיין קַשְׁיָא אִיז, פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען אַ תְּרוּעָה, - פְרֶעגְט דִי גְמָרָא נָאכְאַמָאל: "מְרִיעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר זִכְרוֹן תְּרוּעָה!" וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט אַ תְּרוּעָה, דִי תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ (וַיִּקְרָא כג, כד): "זִכְרוֹן תְּרוּעָה"! מֶען זָאל בְּלָאזְן אַ תְּרוּעָה, עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא לָמָּה תּוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן יוֹשְׁבִין, וְתוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן עוֹמְדִין?" דִי קַשְׁיָא אִיז, פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען צְוֵויי מָאל, דִי תְּקִיעוֹת דִמְיֻשָּׁב (פַאר מוּסָף) אוּן דִי תְּקִיעוֹת דִמְעֻמָּד (אִינְמִיטְן מוּסָף)? אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי יִצְחָק: "כְּדֵי לְעַרְבֵּב הַשָּׂטָן", כְּדֵי צוּ צֶעמִישְׁן דֶעם שָׂטָן!

### זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוֹיף אֵיין פְּלַאץ (תְּצַוֶּה דַף קפו.) מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וַוייל דָאס קֶען

בְּרֶענְגֶען אַ קִטְרוּג אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אוּן אִין אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ שְׁטֵייט פַארְקֶערְט (פִּנְחָס רלא.), מֶען זִיךְ יָא מִתְוַודֶה זַיין אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת רֵישׁ עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וְעַיֵּין בְּמָגֵן אַבְרָהָם, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקפד, סְעִיף קָטָן ב) אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִויאַזוֹי אוּן וֶוען; אוֹיפְ׳ן קוֹל זָאל מֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט מִתְוַודֶה זַיין, וַוייל דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַ קִטְרוּג אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת זָאל מֶען זִיךְ יָא מִתְוַודֶה זַיין, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דֶער שָׂטָן צֶעמִישְׁט דוּרְךְ דִי תְּקִיעוֹת.

דֶערְפַאר זָאל זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער מִתְוַודֶה זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם. אוּן מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

### אֲוֶועק וַוארְפְן דִי שִׂנְאָה

מוֹרַי וְרַבּוֹתַי! יֶעדֶער אֵיינֶער וִויל דָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט יָאר, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אֵיין זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אוֹיסְרוּפְן יֶעדֶעס יָאר פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר גֶעשְׁטִיקְט מִיט טְרֶערְן: ״אִיךְ בֶּעט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיב אֵיינֶער הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר מִיר טוּן אַ טוֹבָה אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ״; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, עֶס קְלִינְגְט מִיר נָאךְ אִין אוֹיעֶר דִי וֶוערְטֶער בִּיזְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ גֶעדֶענְק דָאס הִתְעוֹרְרוּת, דָאס גֶעוֵויין וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז הַיינְט דָא מִיט אוּנְז, דָאס אִיז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; בֶּעט אִיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי שִׂנְאָה וָואס עֶר הָאט אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל מוֹחֵל זַיין דֶעם צְוֵוייטְן.

אוּן אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט הַאלְטְן קַיין שִׂנְאָה אוֹיף קֵיינֶעם, מִיר וֶועלְן יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל זַיין, וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אִין דֶעם זְכוּת, אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

## יעדע קלײנע תפלה קומט אן צום אײבערשטן

מורי ורבותי! מיר געפונען זיך יעצט אין אזא הײליגע צײט, פאר תקיעת שופר, לאמיר בעטן דעם אײבערשטן אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל, עס זאל זײן שידוכים און רפואות וכו׳. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס א קלײנע תפלה טוט אויף אין הימל, א מענטש זאגט ארויס פון מויל א קלײנע תפלה: "רבונו של עולם, העלף אידישע קינדער זאלן טרעפן שידוכים", "העלף אידישע קינדער זאלן זײן געזונט", שפאלט דאס אלע הימלען; יעדע קלײנע תפלה, יעדע קלײנע ׳מאך מיט די ליפן׳, קומט אן צום אײבערשטן, און צעררײסט שלעכטע גזירות.

## דער רבי געפונט זיך דא מיט אונז

מיר דארפן זײן זײער פרײליך אז מיר האבן געטון אלעס אויף די וועלט צו קענען זײן אין אומאן ראש השנה, די אלע רצונות און די מסירת נפש וואס מיר האבן געהאט אנצוקומען אהין - דאס ווערט פארעכנט אזוי ווי מיר זענען יעצט אין אומאן בײם הײליגן רבי׳ן, און דער רבי געפונט זיך דא מיט אונז.

## די גאנצע גאולה הענגט אויף א האר

מורי ורבותי! אין די הײליגע מינוטן פאר תקיעת שופר לאמיר זיך מקבל זײן גוטע קבלות פאר׳ן אײבערשטן, לאמיר זיך מקבל זײן צו זײן ערליך; סתם אזוי קומט נישט אויס צו רעדן צו די פרויען אום ראש השנה, ווײל מיר זענען אין אומאן, אבער הײ יאר האט דער אײבערשטער צוגעפירט אז מיר זענען דא אין שטעטל אויף ראש השנה, אין די פרויען זענען דא אין ווײבער שול, וויל איך מעורר זײן די פרויען.

טײערע נשים צדקניות; אלע הײליגע צדיקים פלעגן רעדן פאר תקיעת שופר צו די פרויען פון צניעות, דער הײליגער סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו פלעגט ווײנען מיט גרויסע בכיות פאר תקיעות שופר, ער פלעגט אויסדרײען זײן פנים צו די ווײבער שול, זיך בעטנדיג צו זײ אז מען זאל נישט לאזן וואקסן קײן בײ-האר, ער פלעגט חזר׳ן וואס דער הײליגער צדיק רבי פנחס׳ל

קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע גְּאוּלָה הֶענְגְּט אוֹיף אַ הָאר"; דָאס הֵייסְט אַז דִי 'בֵּיי הָאר' הַאלְט אָפּ מָשִׁיחַ פוּן קוּמֶען. מִיר וֵוייסְן נָאר וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאגְן, און אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר - דַארְפְן מִיר דָאס טוּן.

אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר טוּט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס שְׁלֶעכְטְס; מֶען בְּרֶענְגְּט אַרַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא אִין שְׁטוּב און מֶען פַארְטְרַייבְּט פוּן דָארְט דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', און דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֵ"ךְ מֵ"ם און דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס".

און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט - אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, און זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן אִין צְנִיעוּת, לָאמִיר עֶפֶּעס טוּן עֶס זָאל מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין צָרוֹת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיר זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.